START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1903.41

Grodzenski, Aaron Isaac.
Muterlekhe gefiln : lebnsshpil in fir bilder.
Vilne, 1933.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1903. 41

Grodzenski, Aaron Isaac, 1891-
Muterlekhe gefiln : lebnsshpil in fir bilder.
Vilne : Nayer farlag, 1933.
48 p. ; 23 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Lithuania-Vilnius II. Yiddish books from the Harvard College Library.

ID : NXYH01-B4726 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /4614

Reduction ratio X10.0

אן פרעסע ארכיוו

א. י. גראדזענסקי

10

מוטערלעכע געפילן

לעבנסשפיל אין 4 בילדער

2/4619

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

א. י. גראָדזענסקי

מוטערלעכע געפילן

לעבנסשפיל אין 4 בילדער

ווילנע — 1933

נ י י ע ר פ א ר ל א ג

A. J. Grodzenski,

„Muterłeche gefiłn“

זעצעריי „טאָמאָר“, שאָפּען-גאַס 1—30, ווילנע.

Składano czcionkami zecerni „Tomor“, Wilno

Odbito w drukarni Br. Rozental, Wilno.

פּערזאָנען:

איסאַק ליבערמאַן. 30 יאָר אַלט.
אידע — זיין פרוי. 26 יאָר אַלט.
מאַקס — איסאַקס אַ יוגנט־פריינט. 28 יאָר אַלט.
דינה — אַן אַס. 24 יאָר אַלט.
שיינדל — די דינסט. 18 יאָר אַלט.

ערשטער בילד.

אַ וועראַנדע אויף אַ זומער־וואוינונג. קעגנאיבער — דער וואַלד. לינקס — די טיר און אַ פענסטער אין שטוב אריין. אַ לאַנגער טיש. אַ באַנק. שטולן. אַ ליג־שטול.

פאַרנאַכטלעך. הינטערן וואַלד פאַרגייט די זון. פון ווייטן זעען זיך רויטע שטיקער וואָלקן, וואָס וואַרפן אַ גאָלדענעם אָפּ־גלאַנץ אויף דער וועראַנדע.

אידע קומט אָן פון וואַלד אַרויס מיט אַ האַטאַק און אַ קישעלע אין האַנט. זי איז אָנגעטאָן לייכט. זעט אויס בלייך.

אידע (אַרויפשטייגנדיק אויף די טרעפּלעך):

איסאַק איז נאָך ניט געקומען?

שיינדל (איר קול הערט זיך פון שטוב):

ניין, מאַדאַמעשי...

אידע:

שיינדל, דעק דעם טיש און טראָג אַרויס דעם סאַמאָוואַר אויפן וועראַנדע. (פאַרשווינדט אין שטוב. די סצענע בלייבט אַ ווײַלע ליידיק. עס קומט אַרויס שיינדל מיט אַ טישטוך, דעקט דעם טיש, שטעלט אַוועק אַ ברויטקערבל מיט געבעקס, פּוטער, קעז,

טראָגט ארוים א סאמאָוואר, גלעזער און פארשווינדט שנעל צוריק אין שטוב. די גאנצע צייט הערט זיך פון שטוב א קינדיש געוויין).

אידע (קומט ארוים אין א קאפאָט):

קוים איינגעשטילט דעם קליינעם... ער וויל נעבעך די ברוסט... (פארקוקט זיך צום וואלד) אָט גייט איסאַק!.. פארוואָס אזוי שפעט?..

איסאַק:

אידעטשקאַ! סאראַ היץ עס איז היינט!.. נאָר וואָס זיך אנגעהויבן דער זומער און שוין אזעלכע פארעדיקע טעג (ווארפט אוועק די הוט אויפן ליגשטול, גיט איבער אידען עטלעכע פעקלעך) נאַ, דאָס האָט מיין מאַמע געשיקט פאר אונזער מישינקען א מתנה.

אידע (וויקלט פאנאנדער די פעקלעך):

ווינדעלעך... וויקעלעך... א טשעפטשיקל מיט פרענזעלעך... ווי מישעלע וועט אויסזען אין דעם!..

איסאַק:

זאָל ער פארניצן געזונטערהייט.

אידע:

שיינדל!.. שיינדל!..

שיינדל (קומט שנעל ארוים ווישנדיק א געפעס):

וואָס איז, מאדאמעשי?

אידע:

זעסט, דאָס איז פאר מישינקען.

שיינדל:

סאראַ שיינינקע זאכן, שיינינקע זאכן, מאדאם! זאָל ער עס טראָגן געזונטינקערהייט.

אידע:

נאַ, טראָג אריין אין שלאָפצימער. (שיינדל פארשווינדט מיט די פעקלעך).

איסאַק:

איך בין דורשטיק, אידעטשקע! (טוט אויס דעם קראגן און בינדע און ווארפט עס אויפן ליגשטול). איך האָב היינט געהאַט א סך ארבעט אין קאנטאָר. וואָס מאכט עפעס מישעלע?

אידע:

אָך, סאראַ שרייער... נאָכאנאנד ער שרייט... ער וויל נעבעך די ברוסט, וויל ער... האָסט געזען וועגן אן אם?..

איסאַק:

יאָ, זי וועט באלד אהער קומען. גיס מיר אָן דערווייל א גלאָז טיי, אידעטשקע. סאראַ דורשט! עס טריקנט אין האלדז.

אידע (גיסט אָן טיי):

ווען, זאָגסטו, וועט זי קומען?

איסאַק:

אין א האלב שעה ארום מסתמא.

אידע:

ווער איז זי?

איסאַק:

איך ווייס ניט. די מאַמע שיקט זי אהער. זי זאָגט: א יונג ווייבל. א יאָר ערשט נאָך דער חתונה. איבעריקנס, וואָס איז די נפקא־מינה?

אידע:

ביי אונז איז דאָך אויך ערשט א יאָר נאָך דער חתונה...

איסאַק:

איך ווייס... מירן מאכן א סעודה, גוט, אידעטשקע?

אידע:

יאָ, גוט... אָבער ווייסט, איסאַק, א רחמנות אויף דער ווייבל...

איסאַק:

וואָסער ווייבל?..

אידע:

איך מיין די אם... נאָר וואָס אָנגעהויבן א פאמיליע־לעבן, האָט א קינד — און מוז גיין פארקויפן איר ברוסט א פרעמד קינד...

איסאַק:

נארעלע... איז וואָס? עס איז אלעמאָל אזוי געווען... זי וויל דאָך פארדינען.

אידע:

זי מוז זיין זייער אָרעם?

איסאַק:

אַניט וואָלט זי דאָך ניט גיין פאַרקויפן איר מוטער־מילך...

אידע:

און דאָס דאַזיקע ווייבל וועט עס האָדעווען אונזער מישינקען, וועמען זשע וועט זי אָפּגעבן איר אייגן קינד?

איסאַק:

אַ דאַגה וועמען...

אידע:

פאַרוואָס זאָגסטו דאָס אַזוי, איסאַק? זי איז דאָך אויך אַ מוטער.

איסאַק:

נו, וועט זי עס אָפּגעבן צו אַ גויע אין דאָרף... אָבער צו וואָס זאָלסטו זיך אַזוי זאָרגן, אידע? אונזער קינד מוז דאָך האָבן אַן אַם, זאָגסט דאָך אַליין, אַז עס וויל נישט אַנדערש די ברוסט...

אידע:

אָבער ווייסט, מיר ווילט זיך אַליין זיין אַם. איך בין דאָך זיין מאַמע — ווילט זיך אויך מיין מוטער־מילך אים געבן.

איסאַק:

אָבער דאָס קען דאָך ניט זיין. דער דאָקטאָר האָט דיר בפירוש פאַרבאָטן. וועסט חלילה, קראַנק ווערן... וועסט דאָס קינד קראַנק מאַכן...

אידע:

אָבער איך וויל אויך ניט מיין קינד צו אַ פרעמדע אויף האָדעוואַניע אָפּגעבן. עס וועט אונז דערנאָך אַליין פרעמד ווערן.

איסאַק:

נאַאיוויטעט... הויבסט ווידער אָן מיט דיינע שטימונגען...

אידע:

רייד ניט אַזוי... דו פאַרשטייסט מיך ניט... פאַרוואָס שעצטו אַזוי גרינג מיינע געפילן?..

איסאַק:

חלילה... איך זאָג נאָר, דו זאָלסט אויפהערן מיט דיינע שטימונגען... דאָס פּאַסט פאַר אַ שילערין. ניט פאַר דיר... מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען מיר זיינען נאָך ביידע יונג געווען, אידעאַליסטן, האָסטו אַזוי געקענט ריידן. אָבער איצט... איצט דאַרפן מיר זיין פּראַקטיש... צי דען האָב איך ניט אויך מיינע פאָטער־געפילן? צי דען ווייס איך אויך ניט וואָס פאַרן קינד איז בעסער. אַוודע וואָלט גוט געווען, ווען דו וואָלסט אַליין געזויגן דאָס קינד — אָבער אַז דאָס איז ניט באַשערט... איך מיין דאָך אויך די טובה פון מישינקען.. וועסט זען, אין אַ יאָר אַרום, מישינקע וועט אַנטוויינט ווערן, וועסטו שוין לאַנג האָבן פאַרגעסן וועגן דעם... וועסט זען, ער וועט אַ שיין ייִנגעלע זיין. ער וועט אַרומלויפן און פּאַטשן מיט די הענטלעך: „פּאַ־פּאַ! מאַ־מאַ!"

אידע:

אַ, אַ, ער וועט דאַן שוין זיין אַ יונגאַטש...

איסאַק:

געוויס אַ יונגאַטש, אָבער דערפאַר אַ קלוגער, אַ פריילעכער..

אידע:

אַ שטיפער אויך?..

איסאַק:

געוויס...

אידע (דריקט זיך צו אים):

ליבסט טאַקע דאָס קינד מער פאַר מיר?

איסאַק (נעמט איר אַרום):

מערער... ווייניקער... צו וואָס ריידן וועגן דעם? איין ליבע דאַרף זיין ביי אונז. ניט דיינע... ניט מיינע... נאָר אונזערע ביידנס... פאַרשטייסט, אידעטשקע, אונזערע ביידנס ליבע דאַרפן זיך צוזאַמענשמעלצן און ווערן — איינס... איין ליבע... אַ פעסטע.. אַ שטאַרקע...

אידע (זאָגט נאָך ווי פאַרחלומט):

אַ פעסטע... אַ שטאַרקע...

א י ס אַ ק:

יאָ... און דעריבער...

א י ד ע:

וואָס דעריבער?

א י ס אַ ק:

און דעריבער דאַרף אונז גאָרניט שווער זיין פאַרן **קינד**... קיין זאַך טאָר זיך ניט אַריינמישן אין אונזער ליבע צום **קינד**... קיין זאַך... גאָרנישט דאַרף אונז שטערן, כּדי צו דערגרייכן **דאָס** גליק פאַר אונזער קינד... ווייל זיין גליק וועט זיין דיין גליק... **וועט** זיין אונזער ביידנס גליק...

ש י י נ ד ל (באַווייזט זיך אויף דער שוועל אין אַ ווייסן **פאַרטוך**):

מאַדאַמעשי, עפּעס אַ ווייבל איז געקומען. זי זאָגט, **אַז די** מאַדאַם ליבערמאַן האָט זי געשיקט צו אייך.

א י ס אַ ק:

דאָס איז מסתּמא די אַם. זאָל זי אַהער אַריין. (**שיינדל** פאַרשווינדט).

א י ד ע:

איסאַק! רייד דו מיט איר. מיר איז עפּעס שווער.

א י ס אַ ק:

הויבסט ווידער אָן... זאָל זי אָקאָרשט אַריין. **ס'וועט זיך** שוין געפינען צווישן אונז אַ רעדנער.

ד י נ ה (באַווייזט זיך אין טיר, אָרים געקליידעט, **נידעריקער** וואוקס דאָס פּנים געלבלעך, מאָגער):

גוט אָוונט...

א י ס אַ ק:

גוט אָוונט גאָר! ס'איז דאָך נאָך קיין נאַכט ניטאָ... (**ליינט** זיך אויפן ליג־שטול, פאַרדרייערט און פאַרטיפט זיך אין אַ **צייטונג**).

ד י נ ה (נאָך אַלץ שטייענדיק אין טיר):

אַנטשולדיקט. מאַדאַם ליבערמאַן האָט מיך אַהער **געשיקט** זיך דורכריידן מיט דער יונגער באַלעבאָסטע.

א י ד ע:

דאָס בין איך... זעצט זיך.

ד י נ ה:

אַ דאַנק, מאַדאַם... איך בין טאַקע מיד, אַזאַ מהלך איז צו אייך פון שטאָט.

א י ד ע:

האָט אייך מיין מוטער געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

ד י נ ה:

יאָ, וועגן קינד. איך וויל זיך טאַקע דורכריידן מיט דער מאַדאַם.

א י ד ע:

פון וואַנען זייט איר?

ד י נ ה:

אַ היגע מאַדאַם... אַ יאָר, ווי איך האָב חתונה געהאַט... מיין טאַטע האָט מיך שנעלער געטריבן אונטער ער חופּה: „פאַראַן, דאַנקן גאָט, — האָט ער מיר צוגערעדט, — נאָך זעקס מיידלעך, טאָכטערשי, שווערע צייטן היינט, מען טאָר ניט לאַנג וואַרטן"... הלוואי וואָלט איך אים ניט געפאָלגט, ווי בעסער עס וואָלט מיר געווען... וואָס וואָלט איך פאַרזאַמט?..

א י ד ע:

וואָס טוט אייער מאַן?

ד י נ ה (אין פאַרלעגנהייט):

מיין מאַן?.. אַ פעאיקער בעל־מלאָכה געווען... אַ סטאָליער. איז ער איצט נעבעך געריכט... (איסאַק לייגט אָפּ די צייטונג, האָרכט זיך צו).

א י ד ע:

וואָס איז ער, זאָגט איר?

ד י נ ה (ווישט זיך די אויגן):

מיין מאַן, מאַדאַם, האָט פאַר קיינעם געדאַכט אַן אומגליק געטראָפן... ער איז משוגע געוואָרן, מ'זאָגט פון אַ שרעק... ווייס איך... ער איז געקומען איינמאָל אויף דער נאַכט פון דער אַרבעט, אָן אַ היטל, אָן אַ רעקל, האָט גענומען קלאַפּן אין טיש און שרייען: „דינה, — האָט ער געוואַלדעוועט, — דינה, זעסט ניט, די שטוב ברענט, לאָמיר זיך ראַטעווען, גיכער, דורכן פענסטער"... און

האָט גענומען שלאָגן מיט די פויסטן אין די שויבן, זיך צובלוטיקט די הענט... — „גאָט איז מיט דיר, — ברעך איך די הענט, — וועלוול, וואָס איז געשען מיט דיר?.. וואָס?..“ און ער, — פאַר איינס, קלאַפּט אין טיש, ברעכט דאָס מעבל און שרייט: „דינה, וואָס שטייסטו? די שטוב ברענט!“... מענטשן זיינען זיך צונויפּגעלאָפן, געבונדן אים, געקומען אַ דאָקטאָר, געזאָגט: „ער איז גע־דירט“... (וויינט). אָי, איז דאָס דאַן אַ נאַכט געווען ביי מיר, אַ בייזע נאַכט, זאָל זיך עס ניט אומקערן... און אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך דאָס קינד געבאָרן... אַ לעבעדיקן יתום, מיר זאָל זיין פאַר זיינע יונגינקע ביינדעלעך....

א י ד ע :

ביי וועמען זייט איר איצט?

ד י נ ה :

ביים טאַטן, זאָל געזונט זיין. דאָס קינד אויך ביים טאַטן... אָבער דער טאַטע האָט אַליין קוים אויף חיונה.

א י ד ע :

וואָס טוט אייער פאָטער?

ד י נ ה :

אַ שוסטער. אַלט, און אַ ביסל שוין בלינד אויך... אַז גאָט שטראָפט, שטראָפט ער שוין מיט אַלעמען...

א י ד ע :

און וואָס וועט זיין ווייטער מיטן קינד?..

ד י נ ה (ווישט נאָך אַלץ די אויגן) :

איך וועל עס שוין צו אַ גויע ערגעץ אָוועקגעבן.. גאָט וועט העלפן, וועט ער דאָרט אויך וואַקסן. (אויפן וועראַנדע קומט אַרויף מאַקס. אַ נידעריקער מיט שוואַרצע וואָנצן, טראָגט אַ העלן שטרוי־הוט, איז אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קאָסטיום).

מ אַ ק ס (צו איסאַקן) :

איך בין אַריין צו דיר מאַכן אַ קערטל. פּשוט ניטאָ וואָס צו טאָן. כאָטש ליג אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד און גענעץ...

א י ס אַ ק (גייט אים אַנטקעגן) :

איך וואַרט טאַקע אויף דיר... ביסט אין אמתן גערעכט. ניטאָ וואָס צו טאָן. (זעצן זיך ביידע צום טיש. אידע מיט דינען גייען אָפּ אָן אַ זייט און ריידן שטיל צווישן זיך. זייער געשפּרעך הערט מען ניט).

א י ס אַ ק (שרייט אין פענסטער אַריין) :

שיינדל, שיינדל קום אַרויס אַהער!...

מ אַ ק ס (נעמט אַרויס קאָרטן) :

אַ זעקס־און־זעכציק?

א י ס אַ ק :

אַ טויזנט... שוין דערעסן דיין זעקס־און־זעכציק.

ש י י נ ד ל (אין טיר) :

וואָס דאַרפט איר מיך?

א י ס אַ ק :

גיב אָן צו גלעזלעך טיי.

מ אַ ק ס (ווייזט אָן אויף דינהן) :

ווער איז זי?

א י ס אַ ק :

די אַם, וועלכע דאַרף אָנקומען פאַר אונזער מישעלען (שיינדל פאַרשווינדט).

מ אַ ק ס :

אַזוי גאָר? אידע האָט דיר שוין נאָכגעגעבן... זי האָט דאָך אַליין געוואָלט דאָס קינד האָדעווען. „אָן אייגן קינד“, — זאָגט זי...

א י ס אַ ק :

מאַלע וואָס... נאַרישקייטן... נו, איך האָב פערציק (שפּילן).

מ אַ ק ס (זופּט טיי, פאַרבייסט, קוקט אין די קאָרטן) :

אפשר איז זי, די אידע, דיינע, גערעכט?... מוטערלעכע גע־פילן...

א י ס אַ ק :

וואָס איז דאָ שייך מוטערלעכע געפילן? דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן דער האָדעוואַניע פון אונזער קינד... וואָס איז דאָס

עופּהלע שולדיק, ווען עס וויל די ברוסט?.. וועסט אַמאָל אויך האָבן אַזוינעם, — וועסטו וויסן...

מאַקס (שפּאַסיק):

יאָ, אָבער קיינער איז דאָך ניט מחויב דיין קינד קאָרמענען....

איסאַק:

וואָס הייסט... איך צאָל דאָך דערפאַר... אומזיסט דען?..

מאַקס:

אַנטשולדיק. דו פאַרשטייסט מיך ניט... איך אויף דיין אָרט וואָלט טאַקע מיינס אַ קינד ניט אָפּגעגעבן אויף פרעמדע הענט, צוליב דעם, ווייל אַ פרעמדע יידענע קען ניט פילן קיין שום ליבע צו מיינס אַ קינד, און אפשר, פאַרקערט, עס נאָך פיינט האָבן... יענע איז דאָך אויך אַ מאַמע, האָט דאָך אויך אַ קינד און לסוף מוז זי איר מוטער־מילך אָפּגעבן ניט איר אייגן קינד, נאָר אַ פרעמדן, טאָ וואָס פאַר אַ ליבע קען זי שוין שפּירן צו אַ פרעמד קינד?..

איסאַק:

דו פילאָזאָפירסט מיר צופיל. איך פאַרשטיי איבערהויפּט ניט, צו וואָס נויטיק איך זיך אין דער אַמס ליבע? עס איז דאָך ניט איר קינד, — עס איז דאָך מיינס. איך דאַרף נאָר, זי זאָל עס צו זאַט אָנזויגן און געזונט... זאָל זי זי פילן, וואָס זי וויל, וועמען נייען אָן אירע געפילן?..

מאַקס:

נו, נו, עס רעדט זיך נאָר אַזוי (שפּילן).

דינה:

הייסט עס, מאַדאַם, איך וועל מאָרגן שוין קענען קומען מיט אַלעמען?

אידע:

יאָ, יאָ, דאָס קינד שלאָפט איצט... קוים עס איינגענומען, נאָר בכלל איז עס,פאַרזיכער איך אייך, אַ רואיק קינד (דינה אָפּ).

אידע (קומט צו צום טיש):

מאַקס. איר זייט אויך דאָ? וואָס מאַכט איר?

מאַקס:

איר האָט מיר ניט באַמערקט די גאַנצע צייט? מיר האָבן שוין באַלד אַ טויזנט אָפּגעשפּילט.

אידע:

ניט באַמערקט.

מאַקס (שפּאַסיק):

איר האָט זיך געמאַכט אפשר אַזוי... אין וואָלד האָט איר מיך אויך ניט געזען. איך אייך — יאָ.

אידע:

וואו האָט איר מיך געזען?

מאַקס:

ביים וואַסער, וואו עס איז פאַרגעקומען די הוליאַנקע.

אידע:

וואָס פאַר אַ הוליאַנקע?

מאַקס:

ווייס איך, פּייערלעשער האָבן געשיכּורט...

איסאַק:

אַלץ מוז מען דאָס זען? דער וואַלד איז גענוג גרויס. אַ גאַנצע אַרמיי קען דאָרט אויך פאַרפאַלן ווערן... זאָג בעסער, אידע, וואָס האָסטו אָפּגערעדט מיט דער אַם?

אידע:

מיר וועלן זי שוין האָבן. זי וועט מאָרגן קומען פּרובירן.

איסאַק:

דאָס איז גוט... און איצטער וועסטו מיט אונז שפּילן...

מאַקס:

שפּילט טאַקע מיט אונז, ס'וועט לעבעדיקער אַוועקגיין. איר ווייסט דאָך: זאַלבעצווייט איז גוט, זאַלבעדריט — נאָך בעסער.

איסאַק:

פּונקט געטראָפן... מיינען מיינט ער פאַרקערט...,

אידע:

וואַרפט בעסער אַוועק אייערע קאָרטן, עס וועט זיך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט, מיר וועלן בעסער עסן, שוין צייט.

מ א ק ס:

גערעכט, עסן דארף מען אויך. עס קומט דערפון נישט אָפּ.

א י ס א ק:

מהיכה תיתא, זאָל זיין אזוי!.. (ס'טונקלט) שוין נאכטלעך, מען וואָלט דוכט זיך באדארפט דעם לאָמפּ אָנצינדן (עס הערט זיך פון שטוב א קינדיש געוויין), אידע, גיי, דאָס קינד שרייט.

א י ד ע:

ער שרייט שוין ווידער (פארשווינדט. איסאק מיט מאקסן שפּילן ווייטער א ווײַלע אין אן ערנסטן שטילשווייגן).

א י ס א ק (רופט אין פענסטער אריין):

שיינדל, שיינדל! דעם לאָמפּ טראָג ארויס.

ש י י נ ד ל (פון שטוב):

הא?.. הא?..

א י ס א ק:

דעם לאָמפּ גיב אהער... (פאררויכערן און בלייבן ווארטן אויפן לאָמפּ. פון וואַלד דערטראָגט זיך א געזאנג פון יונגוואַרג).

מ א ק ס:

אָט לאָזן זיי זיך וואוילגיין... קיין בעסערס דארף מען גאָר ניט. וואָס מיר ווייב? וואָס מיר קינדער?

א י ס א ק:

אז איך בין יינגער געווען פלעג איך אויך אמאָל ניט פעלן אין אזא וואַלד־חברה. (דאָס געזאנג דערווייטערט זיך, ס'הערט זיך אויך א מיידלשער געלעכטער). זאָלן זיי זיך פרייען... זאָלן זיי זיך שפּילן אין ליבע... ס'איז אלץ גאָרנישט...

מ א ק ס:

גאָרנישט, זאָגסטו?

א י ס א ק:

גאָרנישט, זאָג איך, (שרייט אין פענסטער אריין): שיינדל?...

ש י י נ ד ל:

שוין... שוין!...

מ א ק ס:

וואָס האָסטו אלץ קיין צייט ניט... (שיינדל קומט ארויס מיט אן אָנגעצונדענעם לאָמפּ), ויהי אור — אָט איז שוין ליכטיק (שיינדל פארשווינדט. פון שטוב הערט זיך נאָך אלץ ווי דאָס קינד שרייט).

א י ס א ק:

וואָס פּילדערט ער דאָרטן אזוי, דער קליינער ווערוריקל?

מ א ק ס:

ניי האָב חתונה, האָב דערנאָך קינדערלעך און זוך פאר זיי פרעמדע ניאַנקעס. אָט אן עסק...

א י ס א ק:

ברודער לעבן, די גאנצע וועלט איז אזוי... דיין ריי וועט אויך קומען. ביסט אפנים פון אונטערן מאמעס פארטוך ארויס ערשט?

מ א ק ס:

מאכסט אין אלץ נאָך די וועלט. עפּעס צופיל טוסטו מיר נאָך די וועלט.

א י ס א ק (מיט איראָניע):

פילאָזאָף מיינער!...

א י ד ע (פירט ארויס א קינדער־וועגעלע):

ער וויל נעבעך אלץ עסן... נאָך דער מאמעס ברוסט באגערט ער... נאָך דער מאמעס מילך... וואָלסט געזען, איסאק, ווי ער זוכט מיטן מיילכל די ברוסט ביי מיר... פון פלעשל וויל ער ניט נעמען...

א י ס א ק (נעמט ארויס דאָס קינד אויף די הענט):

שא, זונעניו, ווילסט דווקא ברוסט־מילך. יעסט עס מאָרגן האָבן.

א י ד ע:

יאָ יאָ, ער וועט האָבן, א פרעמדע ברוסט, ניט דער מאמעס...

(פ אָ ר ה א נ ג)

צווייטער בילד.

דער אַמס צימער. לינקס אַ בעט. אַ קינדער־וויגעלע. רעכטס אַ פענסטער צום וואַלד. בײַם פענסטער אַ טישל. אַ פּאָר שטולן. אויפן טיש גלעזער. אַ טעפּל מילך. אָנגעוואָרפענע קינדערשע וויקעלעך, ליילעכלעך, טיכלעך. איבערן בעט הענגען דער אַמס זאַכן איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך. אַנטקעגן פּובליקום — די טיר אין עסנשטוב. לינקס פון טיר אין אַ ווינקל אַ קיילעכדיק אויוזעלע.

בײַטאָג. דינה זיצט אויפן בעט און זויגט דאָס קינד.

דינה:

זויג, ברעקעלע מיינס, זויג... בייס מיין ברוסט, בייס... אָט אַזוי... אזוי... (דאָס קינד וויינט) ש...שאַ, ברעקעלע מיינס, האָסט געבעך פאַרלאָרן די ברוסט פון מיילעכל אַרויס... נאַ, נאַ דיר... (דאָס קינד ווערט אַנטשוויגן) זויג... זויג מיין מילך, ברעקעלע... אַ גאַנצע נאַכט האָסטו מיך שלאָפן ניט געלאָזט. קענסט ניט זאַט ווערן פון מיין ברוסט, ברעקעלע מיינס... געוויס, אַ דאַרע ברוסט ביי מיר... פון וואַנען זאָל איך האָבן אַ סך מילך, ניט געווען ביי מיין טאַטן אין שטוב פון וואָס זיך אָנצונעמען, אָט וואָלט איך באַדאַרפט וויסן, אַז דו וועסט אַמאָל מיין ברוסט באַדאַרפן, וואָלט איך אַ סך, אַ סך מילך אָנגעגרייט. איך האָב דאָס אָבער פאַר מיין מיכעלען אָנגעגרייט, ניט פאַר דיר... אַ וואויל קינד מיין מיכעלע, ער וואָלט שוין צופרידן געווען... ער דאַרף ניט קיין סך, — ווי די מאַמע זיינע האָט ניט באַדאַרפט קיין סך...

שיינדל (פון אַ צווייטן צימער):

דינה, דינה, שוין צוויי אַזייגער, פאַרוואָס מאַכט איר אייך ניט וואָס צו עסן?

דינה:

איר זעט דאָך, אַז דער קליינער לאָזט ניט, ער איז בילבער.

שיינדל (באַווייזט זיך אין טיר):

די מאַדאַמעשי שרייט דערנאָך אויף מיר, פאַרוואָס איך דערמאָן אייך ניט איר זאָלט עסן. די מאַדאַמעשי האָט אָנגעזאָגט איר זאָלט אַ סך עסן (נעמט פון טיש דאָס מילך־טעפּל)... זאָל איך אָנוואַרעמען די מילך?

דינה:

יאָ, שיינדעלע. (שיינדל אָפּ) זעסט, מישעלע, וואָס פאַר אַ טייערינקע מאַמע דו האָסט. זי וויל איך זאָל אַ סך עסן... צוליב דיר אַליין... פאַר דיר דאַרף איך דאָס אַ סך עסן... ווייניק מילך איז דאָ אין מיין ברוסט פאַר דיר... כאַ, כאַ, כאַ, מיין מיכעלע וואָלט שוין זאַט געווען מיט מיין ברוסט... אים איז עס אָבער ניט באַשערט... אַ גויע האָט אים צוגענומען... פאַר דריי רובל אַ חודש האָדעוועט זי אים... דריי רובל פון מיינע אַכט, ברעקעלע... ווייט איז עס, אין אַ דאָרף ערגעץ... די מאַמעס אויגן קוקן עס ניט אָן... אויף פרעמדע הענט איז עס... אויף גויעשע... אַז גאָט וויל, וועט עס זיך ביי אַ גויע אויך אויפכאָווען, אפשר נאָך געזינטער, נאָך שענער... גויים, זאָגט מען, זיינען געזונט... יאָ, יאָ, עס וועט זיך געוויס זאַטער אָנזויגן, איידער פון מיין דאַרער ברוסט... אַ דאַרע ברוסט מיינע, ברעקעלע! גאָרנישטאָ... אַ טראָפּן ניט (דאָס קינד צעוויינט זיך) שאַ, ברעקעלע, (גייט אַרום מיטן קינד איבערן צימער) וואָס מאַכסטו אַזאַ האַרמידער?.. איך גיב דיר דען ניט צו זויגן? דער טאַטע דיינער זאָגט אפשר אַזוי?.. (פאַרגעסט זיך) מיכענקע מיינער, מיכענקע, אָט וועסטו עס אַ יונג זיין, אַן ערלעכער בעל־מלאָכה. אַ סטאָליער, ווי דער טאַטע דיינער. גראָבע הענט וועסטו האָבן... פּראָסטע אַפילו, מיט מאָזאָלעס — אָבער דערפאַר ערלעכע, פאַרהאָרעוועטע... וועסט קיינעמס ניט פאַרלאַנגען, אַליין וועסטו דיין ברויט פאַרדינען: בענקלעך וועסטו צונויפקלאַפּן, טישן צונויפשטעלן, קאַנאַפּעס וועסטו באַציען, קאַנאַפּעס פאַר די רייכע באַלעבאָסטעס אויף דאַטשעס, אויף אָפּרוען... פּאָטעלן ווייכע וועסטו מאַכן פאַר די הערן אין די קאָנטאָרן... גוטע מענטשן זיינען

זיי, די דאָזיקע הערן, אַ סך געלט צאָלן זיי... און דיין מאַמען וועסטו בײַ זיך האַלטן... בכּבוד וועסטו זי האַלטן... זי וועט שוין מער ניט באַדאַרפן גיין איר ברוסט פאַרקויפן... כאַ, כאַ, כאַ, אַן אַלטע ייִדענע וועט זי שוין דאַן זיין, כאַ, כאַ, כאַ, זי וועט שוין דאַן מער קיין ברוסט ניט האָבן... איינגעפאַלן וועט עס שוין זיין... איינגעדאַרט, איינגעשרומפן... (שטילער) אַט אַזוי שלאָף, בּרע־קעלע מיינס, לאָז דער מאַמען דיינער אויך אָפּרוען אַ ביסל, וועסט נאָך צייט האָבן פילדערן (לייגט דאָס קינד אין ווינעלע) און איצט וועל איך גיין נעמען עפּעס אין מויל (גייט אַרויס).

אידע (קומט אַריין אין אַ העלן קאַפּאָט, מיט אַ שאַליק אַרום האַלדז, דערנענט זיך אויף די שפּיץ פינגער צום קינד):

ער שלאָפט שוין מיין פייגעלע... ווי ער שמייכלט, אַ קליין מלאכל... ש...ש... דאַכט זיך ער חלומט וואָס.. אַ ווייסער חלום שוועבט אויף זיין פּנימל... אַ ריינער ווייסער חלום מיט זילבּערנע פליגעלעך... פאַר דריי חדשים איז ער נאָך אונטער מיין האַרצן גע־לעגן, נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. און איצטער... וואָס עס טוט זיך מיט אים... אַזאַ פּיטשינקער... אַזאַ מאָנטשינקער און פאַר־נעמט שוין אויך אַן אָרט אין דער גרויסער וועלט... ווייַנט דאָס — ווייס מען, אַז דאָס וויל עסן, האַלט דאָס פאַרמאַכט די אויגעלעך — ווייס מען, אַז דאָס שלאָפט, באָדט מען דאָס — פּלושקעט דאָס מיט די פיסלעך אין וואַסער, וויקלט מען דאָס — לאָזט זיך דאָס ניט... אָ, אָ, שפּעטער וועט זיך דאָס מיט אים טומלען... ער וועט אונ־טערוואַקסן וועט ער נאָך אַ שטיק טאָן, דערנאָך וועט ער האָזען, ווי אַלע גרויסע... דערווייַלע ווייס דאָס פון גאָרנישט... אַ מלאכל...

דינה (טראָגט אַריין מילך מיט געבּעקס):

מאַדאַם, דאָס קינד איז נאָר וואָס איינגעשלאָפן, ער קען זיך נאָך אויפכאַפּן...

אידע:

איך זע... ער האָט זיך, ווייזט אויס, גוט אָנגעזויגן...

דינה:

נאָך ווי!.. איר זעט דאָך, ווי ער שלאָפט געשמאַק.

אידע:

די דינסט זאָגט, אַז איר עסט גאָרנישט. פאַרוואָס עסט איר גאָרנישט?

דינה:

איר ווייסט גאָרניט, מאַדאַם, סאַראַ יחסן אייער מישינקע איז. ער איז בּילכער. בשעת איך בין אַהער געקומען האָט די מאַ־דאַם געזאָגט, אַז דאָס קינד איז אַ רואיקס, אַ שטילס. צום סוף לאָזט ער מיר קיין נעכט ניט שלאָפן. ווי קען מען שוין האָבּן אַפּעטיט?.. (נעמט עסן) מיינער איז שוין רואיקער.

אידע:

וואָס מאַכט ער, אייער מיכינקע?

דינה:

ניט מיט אַלעמען. דער טאַטע איז יענע וואָך געווען אין דאָרף, זאָגט ער, אַז ער זעט שלעכט אויס. אַ מאָגערס, אַ דאַרער, אַ געלבּלעכס... איך האָב מורא, ער זאָל חלילה ניט קראַנק זיין.

אידע:

רעדט זיך ניט איין. ער איז שטאַרק און געזונט, ווי אַלע קינדער.

דינה:

אַלע קינדער זיינען טאַקע שטאַרק און געזונט. מיינער — ניט. ווער קען וויסן, ער איז דאָך אויף פרעמדע הענט און נאָך בּיי אַ גויע... אפשר לאָזט זי עס פאַרחלשן?..

אידע:

וואָס שרעקט איר זיך אומזיסט, דינה? ווייסט איר גאָר וואָס, פאָרט מאָרגן צו אין דאָרף אַריין, וועט איר זיך אַליין איבּערצייגן, אַז אייער קינד איז געזונט.

דינה:

איך זאָל פאָרן — און! אייער קליינער זאָל דאָ געוואַלדרעווען?..

אידע:

נשקשה, איר וועט אים אין דער פרי גוט אָנזויגן און נאָך האַלבּן טאָג קומט איר דאָך צוריק, עס איז דאָך ניט ווייט. מיין מאַן זאָגט, אַ שעה אָנדערטהאַלבּן מיטן באַן.

ד י נ ה :

א דאנק, מאדאם, אפשר וועל איך קענען נעמען מיין מיבינ־קען אהער אויף א טאָג צוויי?

א י ד ע :

מיין מאַן וועט ניט וועלן ליידן. צוויי קינדער איז דאָך שווער.

ד י נ ה :

עס מאַכט ניט אויס, איך וועל מיינעם קאָרמענען פון פלעשל...
(ס'קומען אַן איסאַק מיט מאַקסן אינמיטן א שמועס. דאָס קינד כאַפּט זיך אויף מיט א געוויין).

א י ד ע :

איר האָט מיר דאָס קינד אויפגעוועקט, (נעמט וויגן דאָס וועגעלע) איילילולינקע, איילילולינקע...

א י ס אַ ק :

איך האָב ניט געוואוסט, אַז ער שלאָפט.

מ אַ ק ס :

וואָס שאַדט עס, אַז ער האַלט אָפן די אויגעלעך, וועלן מיר מיט אים א הוליע טאָן (וויל נעמען דאָס קינד, אידע לאָזט ניט).

א י ד ע :

לאָזט מאַקס... קוים איינגעשטילט... א קינד דאַרף וואָס מער שלאָפן. עס וועט נאָך צייט האָבן צו שטיפן (איסאַק קומט אויך צו) אָט וועט איר זען סאַרא קראַסאַוועץ א בחור דאָס וועט זיין.

מ אַ ק ס :

אוודאי, אַלע מיידלעך וועלן אים נאָכלויפן...

א י ס אַ ק :

נו, נו, עס האַלט נאָך ניט דערביי...

מ אַ ק ס :

פאַרוואָס ניט? זאָל איך אזוי געזונט זיין, ווי א מיידל קען זיך אין אים אפילו שוין פאַרליבן (אַלע לאַכן).

א י ס אַ ק :

אפשר אַזא קליינע, ווי מישינקע.

א י ד ע :

זעט, דאָס קינד לאַכט אויך!.. ער פאַרשטייט, וואָס מיר ריידן.

א י ס אַ ק מיט מ אַ ק ס ן (צוזאַמען):

טאַקע ער לאַכט... לאַך.. לאַך... האָב הנאה...

מ אַ ק ס (קנאַקט צו מיט די פינגער, פייפט אונטער):

זעט אַקאָרשט, ווי ער פרייט זיך...

א י ד ע :

איסאַק, הער: דינה וועט מאָרגן פאָרן אין דאָרף.

א י ס אַ ק :

צוליב וואָס?

א י ד ע :

אזוי זיך, זי האָט איר קינד שוין צוויי חדשים ניט געזען... זי וועט נאָך האַלבן טאָג צוריקקומען (איסאַק שווייגט. אידע נעמט דאָס קינד אויף די הענט. דאָס קינד וויינט) פייגעלע מיינס, נאָכאַנאַנד עס יאָמערט... ביי מיר אויף די הענט יאָמערט עס... וואָס איז, פייגעלע, ביסט דען הונגעריק?... איילילולינקע, איילילולינקי...

מ אַ ק ס (כאַפּט אַרויס פון דינהס הענט דאָס קינד, זינגט אונטער מיט א ניגון):

אָט וועט עס זיין א שיינער בחור, וועלן מיידלעך לויפן אויף אים קוקן.

א י ד ע :

פאַרזיכטיק, מאַקס, ווי איר האַלט דאָס קינד...

מ אַ ק ס :

אָט וועט עס זיין א שיינער בחור, וועלן מיידלעך לויפן אויף אים קוקן...

א י ס אַ ק :

א בחורשע פאַנטאַזיע... וואָס האָסטו זיך אזוי גענומען צו די מיידלעך? האָסט שוין ניט געפונען קיין בעסערע מעלות?

מאַקס:

אַט וועט עס זיין אַ שיינער בחור, וועלן מיידלעך לויפן אויף אים קוקן.

איסאַק (נעמט אָפּ ביי אים דאָס קינד):

וועסט זיין בעסער אַ פאַבריקאַנט, ווי דער פאָפּאַ דיינער... אַ ציגל־פאַבריק ווע‏סטו האָבן.. מענטשן וועלן ביי דיר אַרבעטן... וועלן ביי דיר אויף ברויט פאַר ווייב און קינדער פאַרדינען.. הייזער וועט מען פון דיינע ציגל בויען... בענק... ביוראָען.. די גרעסטע, די שענסטע געביידעס אין שטאָט וועלן פון דיינע ציגל זיין..

מאַקס:

פע, פע, אַ בורזשואַזנע פּסיכאָלאָגיע.. פוי...

איסאַק:

וואָס הייסט?.. מענטשן וועלן דאָך האָבן וואו צו וואוינען.. אָרעמע לייט וועלן דאָך אַ דאָך האָבן פון זיין ציגל־פאַבריק...

מאַקס:

די אָרעמע לייט?.. כאַ, כאַ, כאַ.. די רייכע — ניט די אָרעמע...

אידע:

איסאַק, הער אויף.. ער וועט בעסער זיין אַ רואיקער, אַ שטילער מענטש... קיינעם וועט ער ניט באַאומרואיקן און קיינער וועט צו אים קיין פּרעטענזיעס ניט האָבן.. קיינעמס באַלעבאָס וועט ער ניט זיין.. קיינער וועט צו אים ניט פאַרקויפט זיין... אַ רואיקער וועט ער זיין, אַ שטילער, (טראַכט אַ ווײַלע) אַ דענקער וועט ער זיין, ער וועט ביכער שרייבן.. גרויסע ביכער... פילאָזאָפישע ווערק.. מענטשן וועלן זיך לערנען פון זיינע ביכער..

איסאַק:

וואָס וועלן זיך די מענטשן לערנען פון זיינע ביכער?

אידע (באַגייסטערט):

ווי צו לעבן אויף דער וועלט... ווי שענער צו מאַכן דאָס לעבן.. פאַרשטייסט, איסאַק, ער וועט עפּעס אויפקלערן אין זיינע ביכער.. דאָס וואָס מענטשן פאַרשטייען נאָך היינט ניט.

איסאַק:

אַזוי גאָר!.. וואָס איך הער!.. (טאַנצט מיטן קינד) ווע‏סט זיין.. ווע‏סט זיין.. ווע‏סט זיין — איך ווייס בנאמנות ניט, וואָס דו ווע‏סט זיין... זאָג שוין אַליין, וואָס דו ווע‏סט זיין (אַלע לאַכן, דינה גייט אַרויס, איסאַק קוקט איר נאָך, לייגט שנעל דאָס קינד אין וויגל) אידע, וואָס האָסטו פריער געזאָגט: די אַם וועט פאָרן מאָרגן אין דאָרף?...

אידע:

יאָ.. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זי האָט שוין דאָס קינד ניט געזען צוויי חדשים. זי איז דאָך אויך אַ מוטער..

איסאַק (אַנטשלאָסן):

אידע, ניין.. מען מוז זען, זי זאָל ניט פאָרן.

אידע:

פאַרוואָס?

איסאַק:

זי האָט ניט צו וועמען צו פאָרן.. איר קינד איז שוין טויט.

אידע (דערשראָקן):

וואָס?

איסאַק:

דאָס קינד איז מיט פיר טעג צוריק געשטאָרבן.

אידע:

און זי האָט נאָך דעם קינד געוואָלט נעמען אהער.

איסאַק:

ניטאָ שוין וועמען...

אידע:

און זי ווייס נאָך ניט, די אומגליקלעכע מוטער...

איסאַק:

זי ווייס ניט און זי טאָר דאָס ניט וויסן..

אידע:

שרעקלעך!.. וואָס פאַר אַ קלאַפּ!.. זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטן...

מאקס:

אָט דאָס האָט מען, אַז מען פאַרלאָזט זיך אויף פרעמדע הענט...

איסאַק:

נו, איצט איז ניט די צייט צו פילאָזאָפירן...

אידע:

וואָס וועט איצט זיין?

איסאַק:

וואָס זאָל זיין? די אַם וועט ווייטער בלייבן ביי אונז, אונזער מישינקע האָט נאָך ניט קיין ציינדלעך...

אידע:

אָבער אַז זי וועט זיך דערוויסן?

איסאַק:

ניין, מען מוז זען, אַז ניט אַזוי גיך. וואָס וועט דען אַרויסקומען, אַז זי וועט שוין וויסן? דאָס קינד וועט דאָך לעבעדיק ניט ווערן. אידע, זי טאָר ניט וויסן דערפון... פאַרשטייסט דאָך אַליין... זי מוז דאָ בלייבן... אונזער מישינקע נייטיקט זיך נאָך אין איר.

אידע:

אָבער, איסאַק...

מאקס:

שאַ, זי גייט...

איסאַק:

קום, אידע, אהין, וועלן מיר ריידן (אַלע דריי אָפּ. ס'קומט אַריין דינה, גייט צו צום וויגעלע, נעמט זינגען).

דינה:

שלאָפט דאָס קינד אין וויגעלע,
די אייגעלעך פאַרמאַכט,
און די יונגע מאַמעלע
וויגט עס שטיל פאַרטראַכט.
טראַכט די יונגע מאַמעלע:
ס'קינד וועט זיין אַ גביר,
גאָלד און זילבער וועט עס האָבן,
אוצרות אָן אַ שיער. (פויזע).

איך דערמאָן זיך מיין וועלוולען... פאַראַיאָרן איז דאָס געווען... אַזאַ געזונטער יונג... אַ הויכער אַזאַ... אַ שיינער... אַז ער פלעגט מיר אָננעמען פאַרן האַנט פלעגט אַ וואַרימער צוטבער אַריבער מיין לייב... אַז ער פלעגט מיר קוקן גלייך אין די אויגן האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך ווער פאַרברענט פון זייער פייער.... אַזוי געגליט האָבן זיינע אויגן... „דינה, — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט, — דינה, מירן חתונה האָבן, איך פאַרדין שוין ניין רובל אַ וואָך. אַרבעט האָב איך אַ סך... דיר וועט גאָרניט פעלן, דינה... דיר וועט גאָרניט פעלן... וועסט ניט דאַרפן האָרעווען באַזונדער... איך וועל שוין פאַר דיר האָרעווען... ניין רובל אַ וואָך פאַרדין איך שוין, הערסט, דינה?”... ווער האָט זיך דאָס געזאָלט ריכטן?... אַזאַ געזונטער... אַזאַ געזונטער... אַ דעמב (שטעלט זיך ביים פענסטער, זינגט ווייטער):

אויף אַ צווייגעלע
זיצט אַ פייגעלע,
פריי איז זי,
פריי איז זי,
און עס קלינגען
און עס זינגען
פרייד־געזאַנגען,
פרייד־געזאַנגען...
(מיט אַן אומעטיקערן קול)
אין אַ שטייגעלע
זיצט אַ פייגעלע
איינגעשפּאַרט,
איינגעשפּאַרט;
און עס גיסן
און עס פליסן
טרויער־קלאַנגען,
טרויער־קלאַנגען... (גייט אָפּ פון פענסטער).

וועלוולס ליד איז עס געווען. ביי דער אַרבעט פלעגט ער עס שטענדיק זינגען... וואָס פאַר אַ שטים ער האָט געהאַט! אַ לייבן־שטים...

אַז ער פלעגט זינגען האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט פון שטוב הערן זיך צו... (דערנענט זיך צום קינד) סאַראַ שיין קינד, אין דער מאַמען געראָטן. אָבער פון דער מאַמען האָט זיך עס אָפּגעוויינט. ווייל צו איר אויף די הענט ניט גיין (אין טיר באַווייזט זיך אידע, הערט זיך צו, דינה זעט איר ניט) צו מיר האָט ער זיך גראָד צוגעוויינט און איך צו אים — אויך. עפּעס מאָדנע ליב האָב איך אים באַקומען, פונקט ער וואָלט מיינער געווען, מיין אייגן קינד.. אַ סך מאָל, ווען איך זוויג אים, דאַכט זיך מיר, עס איז מיין מיכינקע... איך פאַרגעס זיך גאָר, אַז מיכינקע איז אָפּגעריסן פון מיר, ערגעץ אויף פרעמדע הענט... איך פאַרגעס גאָר, אַז דאָס קינד איז אַ פרעמדס..

און קוש איך עס — מיין מיכינקען קוש איך, זוויגט עס מיין מילך — מיין מיכינקע זוויגט עס. וויינט עס, — דאַכט מיר — מיין מיכינקעס שטימעלע איז עס... ווייס איך דען.. שוין צוויי חדשים האָב איך אים ניט געזען.. אַז מען זעט ניט — פאַרגעסט מען... אוי, פאַרגעסט מען.. אָפּגעפרעמדט ווערט מען (אידע פאַרשווינדט, דאָס קינד צעוויינט זיך) וואָס ווידער, ברעקעלע? נאָך אַלץ הונגעריק?... אוי, אוי, ווועסט זיך קיינמאָל ניט צו זאַט אָנעסן... אָט וואַרט, וועסט דאָך זיין אַ פאַבריקאַנט.. מענטשן וועלן ביי דיר אַרבעטן, אַזוי זאָגט דיין פאַפּאַ.. כאַ, כאַ, כאַ, מענטשן וועלן זייערע געזונטע, ערלעכע הענט דיר פאַרקויפן, מיין מיכינקע אויך... אַן אָרנטלעכער בעל־מלאָכה וועט ער זיין מיין מיכינקע — ביי דיר... דו וועסט זיין באַלעבאָס!.. דעמאָלסט וועסטו שוין זיין זאַט.. אַ, אַ, וועסט שוין דאַן, אפשר צו זאַט זיין... קענסט ניט וואַרטן ביז יענער צייט?.. נאַ, נאַ דיר שוין.. זוויג מיין מילך.. ביים מיין דאַרע ברוסט (בויגט זיך איבערן וויגעלע, ווי זי וואָלט מיט איר ברוסט פאַרשטאָפּט דעם קינד דאָס מיילכל).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

ד ר י ט ע ר ב י ל ד.

ליבערמאַנס עסן־שטוב. רעכטס — די טיר צו דער אַמס צימער. לינקס — אַ טיר אין קיך. אַנטקעגן — דער אַרויסגאַנג אויף דער וועראַנדע. אַ זאָפע, אַ טיש. שטולן. אַ קלאַוויר. איבער דער זאָפע אַ וואַנט־זייגער. לעבן אַרויסגאַנג אַ פענסטער אויף דער וועראַנדע. אויפן פענסטער אַ לאָמפּ.

אידע ליגט אויף דער זאָפע איינגעטוליעט אין אַ טוך. לעבן איר דאָס קינדער־וועגעלע.

אַ צייט איז שטיל.

א י ד ע (הויבט זיך אויף ווי פאַרשלאָפן, די האָר ניט אין אָרדנונג, קוקט אויפן זייגער):

שוין נאָך זעקס אַזייגער און זי איז נאָך אַלץ ניטאָ (גייט צו אויף די שפּיץ פינגער צום פענסטער) סאַראַ שלעכטע וועטערן, די לעצטע טעג, קעלטן. שוין אַ סוף צום זומער (ס'גייט אַריין שיינדל, גיט אַ קוק אויפן זייגער און וויל אַרויסגיין. אידע פאַרהאַלט איר) דינה איז נאָך אַלץ ניטאָ, ווער ווייס צי זי וועט גאָר היינט קומען. ווי פרי איז זי אַוועק?

ש י י נ ד ל:

זי איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, זעקס דעם זייגער, אַלע האָבן נאָך געשלאָפן. האָט לאַנג געזויגן מישינקען, האָט אָפּגעגעסן און גענומען די פאַטשיילע אויף אַוועקצוגיין. פרעג איך איר: „וואוהין גייט איר, דינה?‟ זאָגט זי: „צום טאַטן, זיך נאָכפרעגן אויף מיין מיכינקען, וואָס ער מאַכט?‟ אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט און זאָגט מיר: „אויב איך וועל זיך היינט לאַנג זאַמען, זאָל איך זאָגן דער מאַדאַמעשי, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין‟.

אידע:

דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט. אַ מוטערס האַרץ פילט.

שיינדל:

זי איז די לעצטע צייט געווען שטענדיק אַ פאַרטראַכטע, זי האָט עפּעס אַ סך געטראַכט, האָב איך געזען. אַז איך פלעג איר עפּעס פרעגן, פלעגט זי ניט גלייך דערהערן און שווייגן.

אידע:

איך האָב דאָס אַפילו אויך באַמערקט, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין איר, האָב איך געקלערט: מסתמא בענקט זי צופיל נאָכן קינד.

שיינדל:

יאָ.. זי האָט געווים געפילט, אַז מען באַהאַלט עפּעס פון איר, זי האָט מיך אַ פּאָר מאָל געפרעגט, צי ווייס איך ניט, פאַרוואָס די מאַדאַמעשי רעדט זי אָפּ זי זאָל ניט פאָרן אין דאָרף צום קינד?

אידע:

מעגלעך, אַז איך האָב איר צופיל אָפּגערעדט... גיי, שיינדל, וועסט אויפוועקן דאָס קינד (שיינדל אָפּ).

אידע (גייט צו צום וויגעלע):

ווי האַרט ער שלאָפט. זיך נעבעך איינגעמאַטערט.. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געשריען. עס איז געווען אַ רחמנות דאָס צוצוזען (נעמט אַרויספירן דאָס וועגעלע אין דער אַמס צימער) באַלד וועט קומען איסאַק, קען זיך עס נאָך אויפכאַפּן. (דאָס צימער בלייבט אַ ווײַלע ליידיק. עס קומט אַריין מאַקס אין אַ זומער־מאַנטל, קוקט זיך אַרום).

מאַקס:

ניטאָ קיינער? אין ערגעץ זיינען זיי קיינער ניטאָ (שפּאַנט אַהין און צוריק). סאַראַ אומעט איצט אויף די דאַטשעס, (אידע קומט אַריין, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך שטיל די טיר) זייט איר דאָך יאָ דאָ? (לויפט האַסטיק צו צו איר) און איך האָב געמיינט שוין: איר זייט זיך אַלע צולאָפן פון אומעט.

אידע (דראָט אים מיט אַ פינגער):

רעדט אַ ביסל שטילער, מאַקס, דאָס קינד שלאָפט דאָרט.

מאַקס:

וואָס עס טוט זיך אַלץ מיטן קינד. מען הערט גאָרניט אויף צו ריידן וועגן קינד. סאַראַ דרך־ארץ מען האָט דאָס פאַרן קינד.

אידע:

איר ווייסט ניט וואָס אַ מוטער איז.

מאַקס:

אַז איך וועל נעמען אַ ווייב און די ווייב וועט קינדלען וועל איך זיך שוין דערוויסן.

אידע:

ווען וועט דאָס שוין זיין אַמאָל?... לאָמיר שוין כאָטש טאַנצן אויף אייער חתונה.

מאַקס:

איר וועט באַקומען אַן איינלאַדונג.

אידע:

אַמאָל קען אויסקומען לאַנג צו וואַרטן ביז אייך וועט נמאס ווערן צו זיין אַ בחור.

מאַקס:

וועט איר מוזן וואַרטן... איר האָט דען קיין צייט ניט?..

אידע:

עס קען נאָך לאַנגווייליק ווערן וואַרטנדיק.. זאָגט בעסער פון וואַנען קומט איר איצט? פון וואַלד?

מאַקס:

וואָסער וואַלד... קיין פויגל זעט מען דאָרט ניט. מיר דאַכט, אַז די ביימער אַליין וואָלטן אַנטלאָפן פון אומעט... איך רעכן שוין מאָרגן אַרויספאָרן אין שטאָט.

אידע:

מיר אויך — היינטיקע וואָך.. עס רעגנט נאָכאַנאַנד און ביינאַכט טראָגט דער ווינט די לאָדנס.. מיר האָבן אָבער איצט ווידער אַן עסק מיט דער אַם.

מאַקס:

וואָס איז?

אידע:

זי איז היינט פרי אוועק אין דאָרף. ווייזט אויס, זי האָט זיך דערוואוסט וועגן טויט פון איר קינד. אַ מוטערס האַרץ פילט פאָר אַ מייל...

מאַקס:

אַזוי גאָר? נו, וועט איר איצט דאָ האָבן אַ חתונה.

אידע:

דערווייל האָט דאָס קינד אַ גאַנצן טאָג געמוטשעט זיך, געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז עס האָט פאַרכאַפּט ביים האַרצן. איך האָב אים געשטופּט דאָס פּלעשל, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט.

מאַקס:

זיך צוגעוויינט. קינדער אַז זיי געוויינען זיך צו, וועט איר זיי ניט אָפּרייסן, ווי אַ מאַגנעט איז דאָס.

אידע:

איך האָב עס אויך געפילט... איך האָב געזען די אויגעלעך זיינע, זיי האָבן זיך ווי געבעטן, געזוכט: די אַם... איך האָב אים בכיוון צוגעלייגט צו מיין ברוסט, האָט ער פאַרוואָרפן דאָס קעפּל, אָפּנים געפילט, אַז איך בין ניט די וועמען ער זוכט.

מאַקס:

איר האָט אים גענאַרן געוואָלט, האָט ער זיך ניט געלאָזט. אַ קלוג קינד.

אידע:

יאָ, ער האָט זיך אָפּגעוויינט, וויל צו מיר אויף די הענט ניט גיין... אויף דער מאַמעס הענט וויל עס ניט...

מאַקס:

עס איז שטענדיק אַזוי. קינדער ליבן נאָר די, וועלכע האָדעווען זיי.

אידע:

דאָס האָב איך דאָך אויך געוואָלט... מיין איינציקער חלום איז דאָס געווען נאָך דער חתונה: איך וועל אַ קינד האָבן, עס וועט זיך אויף מיין שויס האָדעווען... איך וועל עס אַליין זויגן

נעבן... איך, אידע, וועל זויגן אַ קליין קינד, אַ קליין מענטשעלע... ווי גוט וועט מיר זיין... ווי גליקלעך איך וועל זיין...

מאַקס:

אַלע פרויען האָבן די זעלבע געפילן...

אידע:

ביי מיר זיינען זיי אָבער שטאַרקער, איך ווייס ניט פאַרוואָס?

מאַקס:

ניט אַלע זיינען דאָך גלייך.

אידע:

איך פאַרגעס גאָר צייטנווייז, אַז איך בין אַ מוטער... צייטנווייז פעלט מיר דער געפיל, אַז מישינקע איז מיין קינד... ווען איך האָב געטראָגן אונטערן האַרצן... צוליב וועמען איך בין אַזוי פיל יסורים אויסגעשטאַנען... צייטנווייז דאַכט מיר: אַ פרעמדע ווייבל האָט זיך אין מיין שטוב אַריינגעקליבן מיט אירס אַ קינד... ניט מיינס איז עס, נאָר יענער ווייבלס, וואָס אין יענעם צימער (ווייזט אויף דער אַמס צימער) איך — האָב צו דעם קיין שייכות ניט...

מאַקס:

מאָדנע געפילן האָט איר, אידע.

אידע:

מאַקס, ווען איר וואָלט זען, ווי מישינקע ליגט אויף דער אַמס שויס, ווי ער זויגט און גלעט אַזוי מיט זיינע קליינינקע הענטעלעך דער אַמס ברוסט מיט אַזעלכע צאַרטינקע פינגערלעך... גלויבט מיר, מאַקס, אין יענע מינוטן בין איך דער אַם באמת מקנא...

מאַקס:

מקנא צו זיין איז ניטאָ וואָס...

אידע:

מערניט, איר האָט פאַר קיינעם נעדאַכט אַן אומגליק געטראָפן. זאָל עס אַזוי קיינעם ניט טרעפן...

מאַקס:

פאַרוואָס איז נאָך איסאַק ניטאָ? (קוקט אויפן זייגער).

א י ד ע:

איך ווייס ניט. עס טרעפט א סך מאָל, אז ער פאַרזאַמט זיך. ער דאַרף שוין קומען. ער ווייס נאָך ניט פון דער אַמס אוועקגיין... גאָט צו דאַנקען, וואָס דאָס קינד איז איצט איינגעשלאָפן... איך בין אַזוי אויסגעמאַטערט געוואָרן...

מ א ק ס:

אפנים שווער צו זיין א מוטער, הא?

א י ד ע:

ניין, גאָרניט שווער, עס האָט זיך מערניט, ווי אָפּגעוויינט פון מיר.

מ א ק ס:

עס קען זיין... קומט אַרויס אויפן וועראַנדע, אידע, מירן דאָרט אָפּוואַרטן איסאַקן.

א י ד ע:

עס איז ניט קאַלט? דאָס קינד וועט זיך דערווייל אויפכאַפּן.

מ א ק ס:

עס שאַדט ניט. עס וועט נאָך מסתמא שלאָפן געזונטערהייט (גייען אַרוים, עס קומט אַריין שיינדל מיט א באַרשט).

ש י י נ ד ל (נעמט קערן, פונאַנדערדוקנדיק די שטולן, זינגט שטיל):

פרעג איך דעם שטערנדל:
שטערנדל, שטערנדל קליין,
שטערנדל, שטערנדל שיין,
יועסטו מיין מיידעלע זען
בלאָנדזשען אין ליכטיקער נאַכט,
זואָס וועסטו זאָגן דאַן איר?

ענטפערט דער שטערנדל:
וועל איך דיין מיידעלע זען,
וועל איך איר זאָגן: דו פיינע.
גיי קעגן ליבינקן דיינעם,
ער וואַרט דאָרט אין וועלדל שוין לאַנג,
בלימעלעך רייסט ער פאַר דיר...

(ווישנדיק די שטולן): סאַראַ וואויל לידל, דינה האָט מיך אויסגעלערנט... זי האָט א סך אַזעלכע שיינע לידער. זי זאָגט, דער מאַן פלעגט עס זינגען. גוט צו האָבן א מאַן. (ס'קומען צוריק אַריין אידע מיט מאַקסן).

א י ד ע:

סאַראַ קעלט... עס שוידערט... איר האָט געהערט, ווי דער וואַלד ברומט (דערזעט שיינדלען) וואָס ביסטו אַהער אַריין זינגען? ווייסט ניט, אַז דאָס קינד שלאָפט אין צווייטן צימער.

מ א ק ס (צו שיינדלען):

איר האָט, דאַכט זיך, עפּעס געזונגען? איך האָב געהערט וועגן א מיידעלע האָט איר געזונגען.

ש י י נ ד ל:

יאָ.

מ א ק ס:

ווי זינגט עס א מיידל וועגן א מיידל? א מיידל דאַרף זינגען וועגן א בחורל.

ש י י נ ד ל:

וואו נעמט מען אים אָבער? (לויפט אַרוים מיט א געלעכטער).

א י ד ע (ווי פאַרזעצנדיק אַן איבערגעריסענעם שמועס):

הערט איר, מאַקס, אָפּטמאָל פּאַסירט, אַז איך קלער: צי ניט מיר זיינען שולדיק אין דער אַמס אומגליק?.. אָט ווען ניט מיין מישינקע, וואָלט דאָך די אַם געזויגן איצט איר אייגן קינד, און עס וואָלט געוויס לעבן געבליבן. אויף דער מוטערס הענט וואָלט דאָך עס בלייבן לעבן. זי וואָלט פון קינד דערלעבט נחת...

מ א ק ס:

קומט עס, הייסט עס, אזוי, נאָך אייערע רייד, אַז אייער מישינקע, וואָס איז סך־הכל אַלט דריי חדשים, איז גאָר א נעפערלעכער גזלן?

א י ד ע (לאַכט):

ווייס איך... מאַלע וואָס פאַר א נאַרישקייטן עס קלערט זיך... פון לאַנגווייליקייט קלערט זיך א סך... במילא דערקלערט מען זיך

שוין צו נארישקייטן אויך און אז מען קלערט בייטאָג, חלומט זיך ביינאכט, חלומען זיך שלעכטע חלומות.

מאַקס:

אז איר רעדט שוין פון אזעלכע אומעטיקע זאכן איז שוין בעסער אָנצינדן דעם לאָמפּ. (נעמט פון פענסטער דעם לאָמפּ, שטעלט אים אויפן טיש און צינדט אים אָן) איר זייט היינט ניט מיט אַלעמען, אידע, איר וואָלט זיך געדאַרפט אויסרוען.

אידע:

אפשר, אָבער די חלומות פאַרפאָלגן מיר, צעשטערן מיר מיין רו.

מאַקס:

איר זייט נערוועז... וואָס צום ביישפּיל חלומט זיך אייך?

אידע:

איך האָב מורא צו דערציילן, איר וועט לאַכן פון מיר.

מאַקס:

לאַכן איז אַלעמאָל אַ גוטער סימן.

אידע:

ווייס איך וואָס... יענע נאַכט צום ביישפּיל האָט זיך מיך אָפּגעדוכט: די אַם האָט אהער געבראַכט איר קינד, האַלט עס אויפן שוים צוזאַמען מיט מיין מישינקען, און וויל עס געבן צו זויגן, נאָר מיין מישינקע לאָזט ניט, רייסט ביי אים פון מייל׳כל ארוים די ברוסט, פאַרשטעלט עס מיט די הענטעלעך און באַהאַלט עס פאַר זיך..

מאַקס (לאַכט):

טאַקע אינטערעסאַנט... פּונקט, ווי יעקב מיט עשון ביי רבקהן, אַ ביסל אַנדערש... נאָר ענלעך...

אידע:

וועגן וואָס רעדט איר?

מאַקס:

איך האָב אַמאָל חומש געלערנט האָט זיך מיר פון דאָ־ט אַ מעשה דערמאָנט.

אידע:

איך בעט אייך, מאַקס, דערציילט גאָרניט איסאַקן פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָ איצט גערעדט. זאָל עס בלייבן צווישן אונז. איר — פאַרשטייט מיר יאָ אַמאָל, איסאַק — קיינמאָל ניט.

מאַקס:

קיינמאָל ניט?

אידא:

ווייס איך... מיידלווייז האָט ער מיר יאָ פאַרשטאַנען, ער פלעגט דאָס מיר אָפּט זאָגן. איך אים אויך. איצט איז ער עפּעס אַנדערש געוואָרן. אפשר ווערן אַלע מאַנסבילן אַנדערש נאָך דער חתונה... שווער פאַר אַ מאַנסביל צו פאַרשטיין מוטערלעכע געפילן..

מאַקס:

אַ ביסל איז עס אמת... דאָס לעבן קען אַלץ מאַכן.

אידע:

איסאַק גייט.

איסאַק (קומט אריין מיט אַן אָנגעשטעלטן קאָלנער):

אַ גוט אָוונט. מיר קענען זיך שוין געזעגענען מיט דער דאַטשע. איך האָב שוין באַשטעלט פורן אויף מאָרגן.

אידע:

גוט האָסטו געטאָן, איסאַק, דאָ איז שוין קאַלט... אומעטיק אויך... אייניקע שכנים האָבן זיך שוין ארויסגעקליבן.

איסאַק:

וואָס ביסטו עפּעס ניט אָנגעטאָן, טייערע אידע? די האָר זיינען ביי דיר ניט פאַרקאַמט... זעסט עפּעס אויס שלעכט... ביסט ניט געזונט?..

אידע:

איך האָב צו טאָן מיט מישינקען, די אַם איז אַוועק אין דער פרי און נאָך ניט צוריקגעקומען. האָט מיך דאָס קינד איינגעמאַטערט, און זיך — אויך.

אַיסאַק:

וואו איז זי דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? ווי לאָזט מען דאָס קינד אַ גאַנצן טאָג ניט געזוויגן?

אַידע:

איך ווייס ניט. די דינסט זאָגט, אַז אין דאָרף.

אַיסאַק:

האָסט ניט געזען?

אַידע:

מיר זיינען נאָך אַלע געשלאָפן.

אַיסאַק:

עס וועט זיך איצטער טאָן ביי אונז.

מאַקס:

איך האָב דאָס אויך געזאָגט.

אַיסאַק:

האָט ער כאָטש געזופט פון פלעשל?

אַידע:

ניין, ער האָט אַ גאַנצן טאָג אָפּגעשריען, אַ רחמנות געווען צו הערן.

אַיסאַק:

אַ רציחה!.. וואָס אַן אַם קען אָפּטאָן... פועלן ביי זיך לאָזן אַ קינד זיך מוטשן אַ גאַנצן טאָג אָן עסן....

אַידע:

כעס זיך ניט איצטער, איסאַק, זי איז דאָך אויך ניט שול־דיק. מען דאַרף אַריינגיין אין איר לאַגע.

מאַקס (איינגעהאַלטן):

וואָלסט וועלן אַלץ פאַר דיר, יעדער זאָל זיך דיר פאַרקויפן אינגאַנצן, אַבי נאָר, דו באַצאָלסט געלט. יענער איז קיין מענטש ניט?

אַיסאַק:

ווער האָט צו איר? אָבער לאָזן אַ גאַנצן טאָג דאָס קינד דאָס הערצעלע פאַרחלשן...

מאַקס:

ביסט אַן עגאָאיסט!..

אַיסאַק:

וואָס זאָגסטו בין איך?

מאַקס:

אַן עגאָאיסט. האָסט אַן עקספּלואַטאַטאָרישע פּסיכאָלאָגיע. זוכסט אַלץ פון דיין טובה וועגן...

אַידע:

שאַ, קריגט זיך ניט, איך בעט אייך.. דאָס קינד שלאָפט דאָרט.

אַיסאַק:

ניט מיין טובה — דעם קינדס טובה... וואָס איז ער שול־דיק?.. ער ליידט נעבעך...

מאַקס:

דאָס קינד — איז נאָך אַ קינד.. וואָס פילט עס? דער אַמס ליידן זיינען גרעסערע...

אַיסאַק:

מיר איז שוין דיין פילאָזאָפיע באַקאַנט...

מאַקס:

און פונדעסטוועגן שפּאַרסט זיך נאָך מיט מיר..

אַיסאַק:

ווייל איך בין דער פאָטער — ניט דו..

מאַקס:

לאָמיר אויפהערן צו ריידן וועגן דעם. ס'איז סיי־ווי אַרויס־געוואָרפענע רייד.

אַיסאַק:

זיי נאָר ניט בייז אויף מיר, מיר וועלן זיך אַן אַנדערש מאָל דורכשמועסן.

מאַקס:

איך האָב מורא, אַז שוין קיינמאָל ניט! אַמאָל האָט מען נאָך געקענט מיט דיר זיך ערנסט דורכריידן... ניט אַזאַ ביסטו אַמאָל געווען.. ביסט אַמאָל גאָר אַן אַנדערער געווען.

א י ס א ק:

און דו... דו וועסט אויך אמאל אנדערש ווערן... (אין טיר באווייזט זיך די אם. זי גייט שטיל דורך די שטוב צו זיך אין צי־מער און קוקט אויף קיינעם ניט. אלע קוקן איר אבער נאך שטיל־שווייגנד און אומרואיק. באלד הויבט זיך אויף אידע און גייט אייך שווייגנדיק אוועק נאך איר).

(פ א ר ה א נ ג)

פ ע ר ט ע ר ב י ל ד.

ליבערמאנס וואוינונג אין שטאט. דער אמס צימער. דעכטס — א בעט. קעגן פובליקום צוויי פענסטער. צווישן די פענסטער א טישל מיט שטולן. לינקס — די טיר אין עסנשטוב. אן אויוון. א שפיגל. דער אמס זאכן אויפן וואנט. אן אלמער. אויפן טיש א לאמפ. אינמיטן צימער דאס וויגעלע.

ס'איז צען אינדערפרי. שיינדל מיט פארקאשערטע ארבל ראמט אין צימער, ווישט מיט א נאסע טוך די פאדלאגע. די אם שטייט ביים וויגעלע, פארקעט זיך עפעס ביים קינד.

ש י י נ ד ל:

איז וואס זאגט איר, אייער מיכינקע איז א שיין יינגעלע געוועזן?

ד י נ ה:

איך ווייס ניט ווי די לעצטע צוויי חדשים, נאר אז ער איז ביי מיר אויף די הענט געוועזן איז עס א זעלטנהייט געוועזן.

ש י י נ ד ל:

ווי אלט, זאגט איר, איז ער געוועזן?

ד י נ ה:

דריי חדשים מיט צוויי וואכן. געזען האב איך אים א חודש — ניט מער... שפעטער האב איך אים שוין ניט דערלעבט צו זען... אפילו געשטארבן איז ער אויך אויף פרעמדע הענט... צום זיין קבר'ל האט מען מיך אפילו ניט צוגעלאזט...

ש י י נ ד ל:

פון וואס, זאגט איר, איז ער געשטארבן?

ד י נ ה:

ווייס איך פון וואס? פון הונגער אויסגעגאנגען, פארחלשט

געוואָרן... די גויע זאָגט, אַז ס'איז סיי ווי אַ שלאַף קינד געווען. רבונו־של־עולם, זאָלן אירע אַזוי שלאַף זיין... אירס איז לעבן געבליבן.

שיינדל:

זייער ניט גוט, דינה, אויב אַזוי איז דאָך שוין בעסער גאָר־ניט געבאָרן צו ווערן.

דינה:

נאַריש מיידל, ס'איז דען ביי אַלעמען אַזוי? ביי די באַלעבאַטעס האָדעווען זיך קינדער.. ביי זיי וואַקסן זיי... (שיינדל בלייבט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט, ווייל עפּעס פרעגן, נאָר קווענקלט זיך. דינה קוקט אויף איר פאַרוואונדערט) וואָס איז, שיינדעלע?

שיינדל:

זאָגט, דינה, איך בעט אייך, איך ווייס נאָך גאָרניט.. אַ יונג מיידל בין איך נאָך... זאָגט, איך בעט אייך, עפּעס האָט מען שווערע ווייען בעתן געבאָרן?...

דינה:

די שווערסטע, מיין קינד, די גרעסטע און די שווערסטע, וואָס אַ פרוי קען איבערלעבן..

שיינדל:

אַזוי... אַזוי...

דינה:

יאָ, יאָ.. און וואָס גרעסער די יסורים זיינען, אַלץ שטאַרקער ווילט זיך, דאָס קינד זאָל לעבן בלייבן, אַלץ הייסער איז דער פאַרלאַנג דאָס קינד גליקלעך צו זען..

שיינדל (שאָקלט מיטן קאָפּ):

אַזוי!.. אַזוי?..

דינה:

יאָ, נאַריש מיידל, און וואָס גרעסער די יסורים זיינען ביים געבאָרן, זיינען זיי הונדערט מאָל שווערער, ווען דאָס שטאַרבט נאָך אין וויגעלע... פאַרשטייסט: ביים געבאָרן זיינען זיי די גרעסטע, ביים באַגראָבן די אומדערטרעגלעכסטע!

שיינדל:

יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי שוין... איך מוז גיין אין קיך, דינה לעבן, דאָס מילך וועט אויסלויפן (שנעל אָפּ).

דינה:

סאַראַ נאַריש מיידל... פרעגט אַלץ קשיות..

אידע (קומט אַריין אין אַ מאָרגן־קאַפּאָט):

איר האָט זיך אויסגעשלאָפן, דינה? נעכטן זייט איר געווען צופיל אויפגערעגט.

דינה:

עס איז דאָ פון וואָס, מאַדאַם, קיין צרות פעלן ניט.

אידע:

יעדער האָט זיך זיין פּעקל, דינה... עס פּאַסירן אַזעלכע אומגליקן.

דינה:

לייכטער פון דעם ווערט מיר ניט, מאַדאַם, איר קענט גאָר־ניט פאַרגלייכן מיין אומגליק מיט אַנדערע.

אידע:

זייט נאָר ניט אויפגערעגט, דינה, ס'איז דאָך אַ פאַרפאַלענע זאַך, וואָס קען מען מאַכן... מיט דער צייט פאַרהיילן זיך די וואונדן — טויטע פאַרגעסט מען..

דינה:

ניט קיין קינד, וואָס מען לעבט עס איבער, מאַדאַם... איר ווייסט גאָרניט, מאַדאַם, דאָס קינד האָט דאָך געקענט לעבן בלייבן... עס איז פּשוט פון הונגער געשטאָרבן, ווי אַ פלעמל אָן נאַפט איז עס אויסגעגאַנגען.. דער פעלדשער וואָלט עס אפילו לייכט גע־קענט אָפּראַטעווען...

אידע:

איר האָט אַ טעות, דינה, קיינער האָט דעם קינד שוין ניט געקענט ראַטעווען, עס האָט דאָך געהאַט דיפטעריט.

דינה:

ניט אמת, מאַדאַם, די גויע לייגט, עס האָט קיין שום קראַנק־

הייט ניט געהאַט... עס האָט מערער עסן באַדאַרפט. איר זעט דאָך, אַז איר אייגן קינד האָט גאָרניט פאַרשאַדט.

אידע:

רעדט בעסער ניט פון דעם, דינה, אייך קאָסט דאָך דאָס געזונט..

שיינדל (ווייזט זיך אין טיר):

מאַדאַמעשי, די יידענע האָט געבראַכט פלייש.

אידע:

איך גיי שוין, (שיינדל אָפּ). דאָס קינד שלאָפט ניט, דינה?

דינה:

ניין, עס ליגט זיך אַזוי.

אידע:

מען וועט עס דאַרפן אויסבאָדן היינט. (צום קינד) ווילסט זיך אויסבאָדן, פייגעלע מיינס?... (קושט דאָס קינד און גייט אַרויס).

דינה (בלייבנדיק אַליין):

די מאַדאַם וויל ניט ליידן, ווען איך רייד פון מיין מיכינקע.. יאָ, איך פאַרשטיי עס גאַנץ גוט: זי האָט מורא... פאַר וועמען? פאַר וואָס? איך וויים ניט, נאָר איך באַמערק, עפּעס אַ שרעק ציטערט אין אירע אויגן, ווען איך רייד וועגן מיין קינד.. אָבער ווי זאָל איך ניט ריידן?.. גאָט מיינער, ווי קען איך דאָס שווייגן?.. (ברעכט צונויף) איך קום צוגיין צום טאַטן און פרעג אים: „טאַטע, זאָג מיר דעם אמת, וואָס מאַכט מיכיניקע?"... דער טאַטע ווערט אָבער בלייך, ווי קאַלך און שווייגט... שווייגט — ווי די וואַנט.., דעם אמת זאָלסטו מיר זאָגן, טאַטע, איך בעט דיך"... און ער — ווי די וואַנט... „וואָס שווייגסטו, טאַטע?" — שריי איך צו אים, און דאָס האַרץ אין מיר וואַרפט זיך פון שרעק, וויל אַרויסשפּרינגען.. אין מח ברענט מיר אַ האָפענונג: „טאָמער נאָך ניט?" נאָר דער טאַטע קיין וואָרט ניט פון מויל... און די אויגן זיינע באַהאַלט ער פון מיר, האָט מורא זיך באַגעגענען מיט מיינע... „טאַטע, — שריי איך אויס מיט אַלע כחות, — טאַטע! זאָגסט מיר דעם אמת, אַניט גיי איך אין דאַרף אַוועק... צופוס גיי איך

אין דאַרף אַוועק זען מיכינקען.." „געשטאָרבן", רעדט ער ענדלעך אַרויס קוים קוים פון זיינע ליפּן... „וואָס?" — שפּרינג איך אויף... „וואָס האָסטו געזאָגט? טאַטע?.. געשטאָרבן", חזרט ער איבער שטיל.. — „געשטאָרבן?"... און אַזוי קאַלט איז דאָס דאָזיקע וואָרט געפאַלן פון זיין מויל אַרויס... אַזוי בלייאיק־קאַלט האָט ער דאָס אַרויסגערעדט.. „געשטאָרבן?... מיין מיכינקע געשטאָרבן?.." מיין מאַרך איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, איך וואַרף זיך אויף ד'ערד... אַ קדחת גליט אין מיינע ביינער, דאָס בלוט שלאָגט מיך אין די אָדערן.. פייערדיקע רינגען דרייען זיך פאַר מיינע אויגן... און ער, דער טאַטע, שטייט אַזוי רואיק, אַזוי קאַלט און מורמלט צו מיר פאַרגליווערט: „געשטאָרבן!.." „ניין! — שפּרינג איך אויף ווילד, משוגע, — דו ליגסט, טאַטע, דו ליגסט!. מיין מיכינקע האָט ניט געקענט שטאַרבן, ער איז דאָך נאָר וואָס אויף דער ליכטיקער וועלט געקומען!.." וואָס איז דערנאָך געווען?.. איך געדענק ניט.. מען האָט מיך אין בעט געלייגט... נאַסע האַנטיכער אויפן קאָפּ.. און פאַר די אויגן האָב איך געזען מיין מיכינקען... מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך... אין אַ מולטערל איז ער געלעגן.. אַזאַ דאַרינקער... אַזאַ בלייכינקער, גאָט מיינער!. דערנאָך.. דערנאָך איז געקומען אַ ייד אין אַ שוואַרצן מאַנטל, האָט מיין מיכינקען אין זיין מאַנטל איינגעוויקלט און אַוועקגעטראָגן.. „האַלט!.." — האָב איך אַ געשריי געטאָן: „האַלט!.." נאָר דער ייד האָט זיך ניט אומגעקערט.. ער איז געגאַנגען ווייטער און אין זיין פאָלע האָט ער מיין מיכינקען אַוועקגעטראָגן... (פאַלט אַ מידע אויפן שטול, דעם קאָפּ אין די הענט און וויינט היסטעריש).

אידע (לויפט אַריין דערשראָקן, נעמט דינהן פאַרן האַנט):

דינה, וואָס איז אייך, דינה? דינה?

דינה (וויינט אויפן קול און ענטפערט ניט).

אידע:

געוואַלד, דינה, וואָס עסט איר זיך אָפּ אַזוי פיל דאָס האַרץ?..

דינה (שלוכטשעט אויף אידעס הענט).

אידע (שרייט אין שטוב אַריין):

שיינדל, שיינדל, גיכער...

ש י י נ ד ל (לויפט אריין דערשראָקן):

וואָס איז? (לויפט צו צו דינהן) וואָס איז אייך געשען?

א י ד ע:

שיינדל, גיכער טראָג אריין וואַסער, שנעלער!..

ד י נ ה (שאָקלט מיטן קאָפּ, וואַרפט מיט די הענט):

ניין, מען דאַרף ניט, גאָרניט.. לאָזט מיך מאַדאַם... (רייסט זיך פון אידעס הענט, שיינדל לויפט נאָך וואַסער).

א י ד ע:

אייך איז ניט גוט, דינה?

ד י נ ה:

מיר איז קיינמאָל ניט גוט..

א י ד ע:

קיינמאָל ניט?..

ד י נ ה:

אפשר אַמאָל יאָ... שוין לאַנג איז עס געווען, ווען איך בין מיט מיין וועלוולען אונטער דער חופה געשטאַנען... ווען ער האָט מיך אין זיינע געזונטע אָרעמס געדריקט צו זיין ברוסט.. און דערנאָך — ווען איך האָב מיין מיכינקען געהאַט... דאַן איז מיר גוט געווען!...

א י ד ע:

מיין גאָט, וואָס קלערט איר אַזוי פיל וועגן קינד?.. דאָס פאַרלאָרענע איז דען מעגלעך אומצוקערן?.. קומט איך וועל אייך ליגן אין בעט. (וויל איר צופירן צום בעט, דינה לאָזט זיך ניט, שיינדל לויפט אריין מיט וואַסער און האַנטיכער, לייגן איר דאָך אין בעט, רייבן איר דעם שטערן, די הענט).

ד י נ ה:

ס'איז מיר אַזוי גוט געווען. וועלוול איז געקומען צו מיר און געזאָגט: „דינה, מירן חתונה האָבן!..“ דער טאַטע האָט אויך געטריבן... האָב איך ביידן געפאָלגט. ניכער האָב איך וועלוולען געפאָלגט... דערנאָך האָט מיך גאָט געשטראָפט... פאַרוואָס האָט מיך גאָט געשטראָפט?..

א י ד ע:

פון הייץ רעדט זי (וויקלט איר אַרום מיט אַ נאַסן האַנטוך דעם קאָפּ) שיינדל, אין קאַנטאָר איז קיינער ניטאָ?..

ש י י נ ד ל:

ניין, דער הער איז נאָר וואָס אַוועק.

א י ד ע:

איך וועל גיין צום טעלעפאָן אַרויסרופן דעם דאָקטאָר. זיי דו דאָ מיט דינהן (אָפּ).

ש י י נ ד ל (זעצט זיך אויפן בעט):

וואָס איז אייך, דינה?.. (דינה וויל זי אַרומנעמען). ליגט רואיק, דינה..

ד י נ ה (לייגט איר האַנט אויף שיינדלס אַקסל):

פאַרוואָס קומט דאָס מיר אַזוי פיל צו ליידן?.. דערפאַר וואָס ליבערמאַנס קינד האָט באַדאַרפט מיין מילך צו האָבן, דערפאַר וואָס ליבערמאַנס קינד וועט אַמאָל זיין אַ פאַבריקאַנט?.. דערפאַר וואָס מיין מיכינקע האָט געהאַט דעם פינסטערן מזל געבאָרן צו ווערן ביי אַן אָרימער מאַמען, ביי אַ משוגענעם טאַטן?.. גאָט, וואָס האָסטו געהאַט צו מיין קינד?.. מיט וואָס האָט ער געזינדיקט קעגן דיר, דו גרויסער גאָט!.. צי דען האָב איך ניט געהאַט די זעלבע יסורים, וואָס יעדע מוטער האָט בעתן געבאָרן?... פאַרוואָס איז ליבערמאַנס קינד געבאָרן ביי רייכע טאַטע־מאַמע און מיין מיכינקע ביי אַ משוגענעם טאַטן?.. (פאַלט צוריק אויפן בעט, באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט און שלוכצעט. אין דער צייט הויבט דאָס קינד אָן צו וויינען. דינה הערט זיך צו אַ ווײַלע, שפּרינגט פּלוצלונג אויף. שיינדל רוקט זיך אָפּ פון איר מיט שרעק).

ד י נ ה (לויפט צו צום וויגעלע):

וואָס האָט ער צו מיר? קיין רגע לאָזט ער מיך ניט רוען... קיין אויג לאָזט ער מיך ניט צומאַכן... נאָר מיין ברוסט וויל ער... מיין מיכינקעס ברוסט... מיין לעצט ביסל מילך וויל עס אַרויספרעסן... (טרייסלט די וויגעלע, דאָס קינד שרייט העכער) רוען לאָז מיך!.. הערסט? רוען זאָלסט מיך לאָזן!.. אַזאַ קליין פּיסקעלע

האָט עס און עסן וויל עס אַ סך... ניטאָ אַזוי פיל אין מיין ברוסט! (איסאַק מיט אידען לויפן אַריין).

א י ס אַ ק (רייסט אָפּ דינען פון קינד):

וואָס שרייט איר?.. משוגע זייט איר?.. דאָס קינד שרעקט איר דאָך איבער..

ד י נ ה (לאַכט אַ ווילדן געלעכטער):

משוגע בין איך!.. כאַ, כאַ, כאַ, משוגע בין איך!.. (ווייזט אויפן ווינקעלע) אַז רוען לאָזט עס מיך ניט, אָט דער קליינער פרע־סער!.. (אידע פאַרמאַכט איר דאָס מויל).

א י ד ע:

וואָס רעדט איר?.. וואָס?..

ד י נ ה (שרייט):

יאָ, יאָ, משוגע בין איך.. נאָך וועלוולען האָב איך זיך פאַר־בענקט...

א י ס אַ ק (לאָזט איר אָפּ):

טאָ גייט צו אים.. (פירט שנעל אַרויס דאָס וועגעלע) דאָס קינד איז אַזוי איבערגעשראָקן.. איר'ט געזען!.. (אידע מיט שיינדלען שלעפּן איר ווידער צום בעט, זי לאָזט זיך ניט).

א י ד ע:

לייגט זיך דאָך, דינה...

ד י נ ה:

אַז איך וויל ניט ליגן, מאַדאַם.. לאָזט מיך... (איסאַק קומט צוריק אַריין, דרייט זיך אַרום פאַרלאָרן).

א י ד ע:

האָסט געשיקט נאָכן דאָקטאָר?..

א י ס אַ ק:

ער וועט באַלד קומען....

ד י נ ה (פון היץ):

דערנאָך איז מיין מיכינקע געבאָרן... צו וואָס איז ער גע־באָרן?.. כדי איך זאָל אים מיט מיינע הענט אין קבר לייגן... כדי איך זאָל מיין ברוסט־מילך פאַר ליבערמאַנס קינד אָפּגעבן...

[א]ידע (פאַרמאַכט איר דאָס מויל):

וואָס רעדט איר?... רעדט ניט אַזוי...

[אי]סאַק:

זי איז משוגע!.. (אידע גיט אים אַ צייכן ער זאָל שווייגן).

[די]נה (רייסט זיך):

לאָזט מיך... וואָס ווילט איר פון מיר...

א י ס אַ ק:

לאָז איר... קום אַרויס פון דאַנען (גייט אַרויס, אָבער אידע בלייבט. פון צווייטן צימער הערט זיך דאָס געוויין פון קינד).

ד י נ ה (וויל זיך אויפהויבן):

דאָס קינד רופט מיך ווידער... לאָזט מיך גיין צו אים! לאָזט מיך צום קינד...

א י ד ע:

ניין, ניין, מען דאַרף ניט. איך וועל אַליין גיין.. בלייבט ליגן, זאָגט מען אייך! (אָפּ).

ד י נ ה (רייסט זיך נאָך איר):

איינעם אַן אייגענעם האָט ביי מיר דער טויט אַרויסגעריסן, [ד]ם אַנדערן אַ פרעמדן, נעמען ביי מיר די מענטשן אַליין אָפּ..

ש י י נ ד ל:

ליגט רואיק!.. באַלד קומט דער דאָקטאָר.

ד י נ ה:

וואָס דאַרף איך אים?.. בעת מיין וועלוול איז משוגע געוואָרן איז אויך געקומען אַ דאָקטאָר... וואָס דאַרף ער איצט צו מיר?.. וועט ער מיך צו מיין מיכינקען פירן? טאָ זאָל ער קומען.

ש י י נ ד ל:

מאָדנע ווערטער רעדט איר... פון היץ רעדט איר.

ד י נ ה (ליגט אין שיינדלס אָרימס ווי אין חלשות, טוט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ, וויל אויפשפּרינגען, שיינדל לאָזט איר ניט, שטופּט זי אָפּ און פאַלט אויף אַ שטול שלוכצנדיק):

מיין קינד.. מיין קינד... זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיר אויף פרעמדע הענט איבערגעלאָזט.. ניט איך בין עס שולדיק... ניט דער מאַמעס שולד איז עס... די נויט איז עס שולדיק.. די

נויט האָט מיך געטריבן מיין ברוסט צו פאַרקויפן צו אַנדער
(וויינט האַרצרייסנד) וואָלסט זיך איצט אויף מיין שוים געשפי
וואָלסט מיט דיינע הענטעלעך מיינע באַקן געקנייפּט.. וואָלסט
מיר אַ שיין ייִנגעלע געווען... דיין שטימעלע וואָלט זיך איצ
אין מיין אָרימער שטוב געהערט... אין מיין פינסטערן לעבן וואָלסטו
דאָך מיין ליכטיקער שטערן געווען... מיין טרייסט... מיין נחת..
זיי מיר מוחל, מיין קינד... זיי מוחל דיין עלנטער
מאַמען, וואָס זי האָט דיך געלאָזט אויסגיין אויף פרעמדע הענט..
אויף פרעמדע הענט!.. (וויינט לאַנג און איינגעהאַלטן).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Administracja „Ownt Kurjer", Wilno, Rudnicka 7.

אדמיניסטראַציע „אָוונט-קוריער", ווילנע, רודניצקער 7.

דרוקעריי בר. ראָזענטאַל ווילנע, רודניצקער 7.